רולס

פיר דעם

לאאן פאנד

פון

גראָדנער בר. 74 אר. רינג

HARVARD UNIVERSITY LIBRARY

72

ערעפענט

פרייטאג אבענד, דען 1טען יאנואר, 1915

ליפשיץ פרינטינג קאָ., 217 איסט בראָאדוויי 802

אַרטיקעל 1. — צוועק.

1. דער לאָאַן פאָנד איז געגרינדעט פאר דעם צוועק צו העלפען די מעמבערס פון ברענטש 74 אַ: ר. מיט אַנ־ לייהעס און איז פאר קיין פאל קיין אונטערשטיצונגס־ פאָנד..

2. דער לאָאן פאָנד איז דער אייגענטהום פון ברענטש 74, און אַלס אזעלכער וועדט ער פערוואַלטעט פון ברענטש.

אַרטיקעל 2 — פפליכטען פון מעמבערס.

1. יעדער מעמבער פון ברענטש 74 איז אויך אַ מעמ־ בער אין לאָאַן פאָנד. די פערבינדונגען פון מעמבער מיט'ן לאָאַן פאָנד עקזיסטירען ביז וואַנען דער מעמבער בעלאַנגט צום ברענטש.

2. יעדער מעמבער צאָהלט איין צום לאָאן פאָנד 50 סענט. דיעזע סומע פערבלייבט דער אייגענטהום פון ל. פ. און ווערט ניט צוריקגעקעהרט צום מעמבער ווען ער ווערט געשטראָכען, רעזיגנירט אָדער טרענספערירט פון ברענטש.

אַרטיקעל 3. — רעכטע פון מעמבערס.

1. יעדער מעמבער וועלכער בעלאַנגט 6 מאָנאַטען צום ברענטש און איז גוטשטעהענד איז בערעכטיגט צו בענוצען זיך מיט דעם לאָאן פאָנד.

2. אַ מעמבער וואָס איז שולדיג צום ברענטש אַ סו־ מע בעטרעפענד איין קוואַרטאל דיוס אָדער מעהר, קען זיך ניט בענוצען מיט'ן ל. פ.

3. די גרעסטע סומע וואָס אַ מעמבער קען לייהען איז 15 דאָלער.

4. פאר יעדע 5 דאָלער וואָס אַ מעמבער לייהט, דאַרף געגעבען ווערען אַ גוטזאָגער.

5. אַ גוט־זאָגער קען זיין יעדער מעמבער וואָס בע־לאַנגט ניט ווענינער פון 6 מאָנאַטען אין ברענטש און איז גוט־שטעהענד.

6. אַ גוט־זאָגער קען זיך בענוצען מיט'ן לאַאַן פאָנד נור דאַן, ווען דער מעמבער פאר וועמען ער האָט גוט גע־זאָגט, האָט איינגעצאָהלט אין ל. פ. ווענינסטענס אַ העלפט פון זיינע שולדען.

אַרטיקעל 4. — צאָהלונגען.

1. די צאהלונגען צום לאַאַן פאָנד דארפען געמאַכט ווערען וועכענטליך ניט ווענינער פון 5 פראָצענט פון דעם לאַאַן, ווי פאָלגט: פאר אַ לאַאַן פון 5 דאָלער — 25 סענט אַ וואָך אָדער 50 סענט ביי יעדען ברענטש מיטינג (ווען דיעזער מיטינג ווערט געהאַלטען 1 מאָל אין 2 וואָכען); פאר אַ לאַאַן פון 10 דאָלער — 50 סענט אַ וואָך 1 דאָלער ביי יעדען מיטינג א. ז. וו.

2. ווען אַ מעמבער צאָהלט ניט 2 מיטינגען נאָכאַנאַנד קריעגט ער נאָטיס דאָס אין פאַל ער וועט ניט בעצאָהלען ביי דעם נעכסטען מיטינג וועלען זיינע שולדען גליך גע־מאָהנט ווערען פון זיינע גוט־זאָגער.

3. די גוט־זאָגער דארפען אין אַזאַ פאַל אויסצאָהלען דיעזע איבערגעבליעבענע שולדען לויט פונקט 1, אַרטי־קעל 4.

4. ביי יעדער צאהלונג פון לאַאַן וואָס אַ מעמבער מאַכט, ווערט די פעראנטוואָרטליכקייט פון אַלע גוט־זאָ־גער פערקלענערט דערמיט אויף גלייכע טהיילען.

5. אַלע קאָסטען (ווי פּאָסטיידזש און דאָס גלייכען) וואָס ווערען פעראורזאַכט דורך נאכלעסיגקייט אין פאָה־רונגען, דאַרף ליידען דער יעניגער וואָס האָט דיעזע פער־אורזאַכט.

6. ווען אַ מעמבער צאָהלט ניט זיינע שולדען רעגעל־מעסיג, ווערט עס גענומען אין אַנבעטראַכט, ווען דערזעל־בער ווענדעט זיך צום ל. פ. א צווייטען מאָל.

אַרטיקעל 5. — פערוואַלטונג.

1. דער לאָאן פאָנד ווערט פערוואַלטעט פון אַ קאָמיטע פון 5 מעמבערס, ערוועהלט פון ברענטש אויף 6 מאָנאַטען.

2. איינער פון דיעזע 5 ווערט פון ברענטש ערוועהלט אַלס רעקרעטער־טרעזשורער, וועלכער דאַרף שטעהען אונ־טער באָנדס, בעטרעפענד די גאַנצע סומע פון ל. פ.

3. דיעזע קאָמיטע דאַרף מאַכען אַלע רולס און רעגו־ליישאָנס וואָס בעלאַנגען צו פערוואַלטונג פון פאָנד; דאַרף אויפפאַסען אז אלץ זאָל געפיהרט ווערען אין גוטען אָרד־נונג; האָט צו זאָרגען וועגען פערגרעסערונג פון דיעזען פאָנד, און בעריכטען צום ברענטש פון זייער טהעטיגקייט איין מאָל אין דריי מאָנאַטען.

4. אַלע בעשלוסע פון דער ל. פ. קאָמיטע מוזען גע־פאסט ווערען ביי אַ מאַיאָריטעט פון דיעזער קאָמיטע.

אַרטיקעל 6. — אַמענדמענטס.

1) אַמענדמענטס צו דיעזע רולס פאר דעם לאָאן פאָנד קענען געמאַכט ווערען נור ביי דעם יעהרליכען מיטינג פון ברענטש.